Health

# לידזשינעירס׳ קרענק: אפט געפרעגטע פראגעס

די ניו יארק סיטי העלט דעפארטמענט פארשט אויס עטליכע פעלער פון די לידזשינעירס' קרענק אין Carnegie Hill און Yorkville אין די אויבערשטע איסט סייד פון Manhattan (זיפ קאודס 10028, 10128, און 10075).

## וואס איז לידזשינעירס' קרענק?

לידזשינעירס' קרענק איז א סארט לונגען אנטצינדונג פאראורזאכט דורך די *לידזשינעלא* באציל וואס וואקסט אין ווארעמע וואסער. סימפטאמען זענען ענליך צו די סימפטאמען פון די פלו, אזוויי פיבער, טרייסלען, מוסקלען ווייטאג, היסן, און שוועריגקייט מיטן אטעמען. לידזשענעירס' קרענק קען ווערן באהאנדלט מיט אנטיביאטיק, אבער פראבלעמען וועלכע שאפן זיך פון די קרענק קענען זיין ערנסט אדער טויטליך אויב מען באהאנדלט זיי נישט.

## ווער איז אין געפאר?

איר זענט אין א גרעסערע געפאר אויב איר זענט 50 יאר אלט אדער העכער, רייכערט אדער וועיפ'ט, האט א מעדיצינישע פראבלעם אדער נעמט מעדיצין וואס שוואכט אפ אייער אימיון סיסטעם, אדער ליידט פון צוקער-קרענק אדער א כראנישע הארץ, לונגען, נירן, אדער לעבער קרענק. לידזשינעירס' קרענק אין קינדער און אין בעיביס מאכט זיך גאר זעלטן.

גייט גלייך צו א דאקטער אויב איר האט סימפטאמען און וואוינט אדער ארבעט אין אדער האט באזוכט די אפעקטירטע ZIP קאודס זייט ענדע יוני. פאר הילף מיט'ן טרעפן א דאקטער, אפגעזען פון אייער אימיגראציע אדער אינשורענס סטאטוס, רופט **311** אדער 844-692-4692.

## קען איך ווערן אונטערגעזוכט פאר לידזשינעירס' קרענק?

עס איז נישט דא קיין סקרינינג טעסט פאר לידזשינעירס' קרענק. אויב איר ליידט פון סימפטאמען פון לידזשינעירס' קרענק, קען א דאקטער אייך דיאגנאזירן באזירט אויף א סעריע פון טעסטס.

## וואס איז לידזשינעירס' קרענק קאמיוניטי קלאסטער?

*לידזשינעלא* באצילן זענען באקאנט און פאסירן נאטורליך אין די ענווייראמענט. ווען מערערע פעלער פון לידזשינעירס' קרענק פאסירן אין די זעלבע געגנט אין א קורצע צייט אפשניט, וועט די העלט דעפארטמענט אויספארשן און אויסראטן די מקור פון די באצילן. אין די פאל פון די קלאסטער ביי די אויבערשטע איסט סייד, האט די העלט דעפארטמענט געעפנט אן אויספארשונג ווען צוויי קעיסעס זענען געווארן באשטעטיגט.

## קען מען פארמיידן לידזשינעירס' קרענק?

עס איז נישט דא קיין וואקסין אדער מעדיצין וואס מען קען נעמען צו אויסמיידן לידזשינעירס' קרענק, אבער מען קען עס באהאנדלען מיט אנטיביאטיק. דאס איז די סיבה פארוואס עס איז אזוי וויכטיג צו גלייך גיין צו אייער דאקטער אויב איר

7.26 Yiddish

זענט געווען אין די אפעקטירטע געגנט און איר ליידט פון סימפטאמען ענליך צו די פלו.

די בעסטע וועג צו אויסמיידן לידזשינעירס' קרענק קאמיוניטי קלאסטערס איז פאר געביידע אייגנטומער צו גוט קעיר נעמען פון אפקילונג געביידעס וואו *לידזשינעלא קען וואקסן*.

## וואס איז די מקור פון די לידזשינעירס' קלאסטער?

די ווארשיינליכע מקור פון די *לידזשינעלא* באצילן וועלכע פאראורזאכן די קלאסטער איז איין אדער מער אפקילונג געביידע אין די אפעקטירטע געגנט. אפקילונג געביידעס זענען וואסער סיסטעמען וועלכע געפונען זיך געווענליך אויף דעכער פון געביידעס. זיי ווערן געווענליך גענוצט צו אפקילן א געביידע אדער פאר פרידזשידערס. אפקילונג געביידעס שפריצן ארויס טראפנס וואסער וועלכע קענען ענטהאלטן *לידזשינעלא*. מענטשן אין די קאמיוניטי קענען אריינאטעמען די וואסער אין די לופט און ווערן קראנק.

די העלט דעפארטמענט וועט איבערקוקן ביישפילן פון די וואסער פון אפקילונג געביידעס אין די געגנט. אפקילונג געביידעס וועלכע שטעלן זיך ארויס אלץ אנגעשטעקט מיט *לידזשינעלא* וועלן גלייך ווערן גערייניגט און דיסאינפעקטירט.

## בין איך אין א גרעסערע געפאר אין מיין געביידע?

די געפאר פון ווערן אנגעשטעקט מיט לידזשינעירס' קרענק פון די לופט אינעווייניג אין א געביידע איז נישט אנדערש וואו איבעראל אין די געגנט.

## מעג איך נוצן די וואסער אין מיין אפארטמענט?

יא, עס איז פארזיכערט פאר אייך צו טרינקען וואסער, זיך באדן, נעמען א שאווער, קאכן, און נוצן אייער עיר קאנדישן. עס איז ספעציעל וויכטיג ווייטער צו נוצן אייער עיר קאנדישן ווען די סיטי גייט אדורך עקסטרעמע היץ און טעמפעראטורן דערגרייכן שעדליכע שטאפלען.

## א קאמיוניטי קלאסטער פון לידזשינעירס' קרענק איז נישט פארבינדן מיט א געביידע'ס פלאמבינג סיסטעם. קען לידזשינעירס' קרענק אריבערגיין פון איין מענטש צום צווייטן?

ניין, לידזשינעירס' קרענק איז נישט אנשטעקיג. עס ווערט פארשפרייט דורך די וואסער אין די לופט וואס ענטהאלט *לידזשינעלא* באצילן. אויב איר זענט אנגעשטעקט, קענט איר נישט מאכן א צווייטן קראנק.

## דארף איך טראגן א מאסקע?

מיר ראטן נישט צו טראגן א מאסקע כדי צו פארמיידן לידזשינעירס' קרענק. די בעסטע זאך איז צו גיין גלייך צו א דאקטער אויב איר ליידט פון סימפטאמען.

**באזוכט nyc.gov/legionnaires פאר מער אינפארמאציע, אריינגערעכנט א ליסטע פון אפקילונג געביידעס אין די געגנט וועלכע זענען אנגעשטעקט מיט טייל פון די *לידזשינעלא* באצילן.**

7.26 Yiddish